בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

וירא

ט"ז חשון תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:04 |
| מוצש"ק | 5:19 |
| ר"ת | 5:56 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 7:59 | סוז"ת א' | 9:07 |
| סוזק"ש ב' | 8:43 | סוז"ת ב' | 9:37 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': ק"ט

שנה ג'

## טיב הפרשה

# דער כח פון חסד

## לבשר את הבשורה

די וואכענדיגע פרשה הייבט זיך מיט'ן שילדערונג אז אברהם אבינו האט געגלוסט צו די מצוה פון הכנסת אורחים און אויפגענומען ביי זיך אין שטוב דריי געסט.

רש"י אויפ'ן ארט בשם חז"ל איז מגלה אז יעדער פון די דריי געסט זענען געווען מלאכים און אז יעדער פון זיי איז געקומען צוגיין אהין מיט א ספעציעלע תפקיד, איינער האט געדארפט איבערדרייען סדום, א צווייטער האט געדארפט ראטעווען לוט, דער דריטער האט געדארפט מבשר זיין די בשורה טובה פאר שרה אמנו אז זי גייט געהאלפן ווערן מיט א קינד.

לכאורה איז שווער. אז מען מישט צוריק דער חומש צו די פריערדיגע פרשה זעט מען אז הקב"ה האט בפירוש מבטיח געווען פאר אברהם אבינו אז ער גייט האבן א קינד און מיט אזא בפירוש'ע הבטחה פארוואס האט ער געדארפט צוקומען אז דער מלאך זאל אים געבן נאך א הבטחה?

נאר עס קען זיין אז די תוה"ק לערנט אונז דא אויס א שטארקער יסוד, אז אויך נאך די גרויסע הבטחה וואס אברהם אבינו האט געהאט האט אים נאך אויסגעפעלט א זכות אז די הבטחה זאל ווערן אויסגעפירט אויף למעשה און די זכות האט ער באקומען דורך די מצוה פון הכנסת אורחים.

ווען די דריי מלאכים זענען אנגעקומען צו די שוועל פון אברהם אבינו'ס שטוב האט אברהם אבינו נישט געוואוסט אז די דריי זענען מלאכים. אין זיינע אויגן זענען זיי געווען אראבער וועלכע בוקן זיך צו די שטויב פון זייער פוס, אבער אברהם אבינו האט זיך נישט געקימערט איבערדעם, מיט אן אויסטערלישע מאס מסירות נפש, ווי זיי וואלטן געווען די חשוב'סטע מענטשן, האט ער זיך געגרייט אנצוגרייטן פאר זיי א סעודת מלכים.

די מצוה פון הכנסת אורחים איז געווען זייער שווער פאר אברהם אבינו אין יענע טעג. האלטנדיג נאך א ברית מילה און שטיינדיג אין א טאג ווען הקב"ה האט ארויסגענומען די זון פון איר שיידל און עס האט געבאקן א היץ, האט ער געהאט אלע אויסריידן אין די וועלט זיך צו קענען ארויסדרייען פון די מצוה, אבער דאך האט ער זיך אנגעשטרענגט און נישט נאר זיך אנגעשטרענגט פיזיש, נאר געגלוסט צו געסט, איז די

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם

עס ווערט דערציילט איבער א חסיד וועלכער איז געקומען צום הייליגן רבי'ן רבי אלימלך מליזענסק זיע"א, און אים געפרעגט איבערן מאמר חז"ל 'חַיָּב אָדָם לְבָרֵךְ עַל הָרָעָה כְּשֵׁם שֶׁמְּבָרֵךְ עַל הַטּוֹבָה', וויאזוי איז דען מעגליך אז מען זאל דאנקען אויפן שלעכטס פונקט אזוי ווי מען דאנקט אויפן גוטס? האט אים דער רבי געענטפערט, אז אט די פראגע זאל ער פרעגן זיין הייליגן ברודער רבי זושא וועלכער וואוינט אין אניפאלי.

איז דער חסיד געפארן קיין אניפאלי, און אנקומענדיג צום הויז פון דער רבי ר' זושא האט ער זיך זייער געוואונדערט צו זען ווי דער צדיק לעבט מיט א געוואלדיגע ארימקייט וואס איז נישט צום שילדערן, און געזען האט ער ווי דער רבי ר' זושא איז ממש 'מדוכא ביסורים', און דעריבער האט ער געטראכט צו זיך, אז נישט אומזיסט האט מיר דער רבי געשיקט צו זיין ברודער, וויבאלד דארט קען מען ממש שפירן דעם 'רעה'.

ממחשבה למעשה, איז דער חסיד צוגעגאנגען צום רבי'ן ר' זושא און אים געפרעגט זיין אויבנדערמאנטע פראגע. צו זיין גרויס ערשטוינונג, האט זיך דער רבי ר' זושא זייער געוואונדערט דערויף, און אים געפרעגט: פארוואס האט דיר מיין ברודער געשיקט צו מיר, אינדערצייט וואס איך ווייס איבערהויפט נישט וואס עס מיינט 'רע', שלעכטס, און מיין גאנצן לעבן איז פול דורכאויס מיט 'טוב', גוטס. אויב אזוי, וויאזוי זאל איך וויסן וויאזוי מען דאנקט אויף שלעכטס?

אצינד האט שוין דער חסיד גוט פארשטאנען, ווייל אויב מען גלייבט אז קיין שום שלעכטס קומט נישט ארויס פונעם אויבערשטן, דעמאלטס ווערן פארשוואונדן אלע שוועריגקייטן און דאס גאנצע 'רע' ווערט איבערגעדרייט צו 'טוב'.

אין די פרשה פון די וואך שטייט צוויי מאל 'וישכם אברהם בבוקר', איינמאל ביי דער נסיון פון די עקידה, און אויך ביי די פרשה פון ישמעאל, ווען שרה האט געזאגט צו אברהם אז ער זאל אוועקשיקן ישמעאל און דער אויבערשטער האט געזאגט צו אברהם אבינו 'כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה', און ווירקליך דערמיט טוט מען באצייכענען דעם געוואלדיגן מדת הזריזות פון אברהם אבינו ווי ער האט מקיים געווען פלינק דעם באפעל פונעם אויבערשטן, און דעריבער שטייט אין פסוק 'וישכם אברהם', צו ווייזן אז ער האט גארנישט געווארט, נאר גלייך ווען עס איז געווארן ליכטיג האט ער זיך געאיילט צו מקיים זיין די מצוה פונעם אויבערשטן טראצדעם וואס עס איז געווען פאר אים א שווערע זאך. אבער דאס דארף מען פארשטיין, פארוואס האט ער זיך געדארפט צואיילן מיטן אוועקשיקן ישמעאל פון זיין הויז, איבערהויפט וויבאלד דאס איז אים געווען א שווערע זאך, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'וַיֵּרַע הַדָּבָר מְאֹד בְּעֵינֵי אַבְרָהָם', ער וואלט דאך געקענט אביסל ווארטן און זיך געזעגענען פון אים אזוי ווי עס פאסט?

נאר, אברהם אבינו, דער גדול המאמינים, האט געוואוסט און געגלייבט אז אלע מצוות פונעם אויבערשטן זענען גוט, אויך אויב זיי זעען אונז אויס פארקערט דערפון, און פון זיינע מעשים וועלן נאר ארויסקומען גוטע רעזולטאטן, דעריבער האט ער זיך נישט פארזוימט, נאר 'וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר', ער האט זיך גלייך צוגעאיילט צו מקיים זיין דעם רצון השם, און ער האט מבטל געווען זיין אייגענעם מיינונג און שכל כדי צו מקיים זיין דעם רצון פונעם אויבערשטן בשמחה.

(עפ"י טיב התורה – וירא)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

אנשטרענגונג געקומען צו אים ווי א זכות אז ער זאל זיך קענען זוכה זיין צו די גרויסע הבטחה.

די געדאנק זעט מען אויך ביי די הצלה פון לוט אין סדום. מיר ווייסן אז לוט איז ניצול געווארן אין זכות פון אברהם אבינו, אבער מיט דעם אלעם האט אים געפעלט א זכות, ער האט נישט געקענט ניצול ווערן אנע דעם וואס ער זאל אריינגעמען די מלאכים אין זיין שטוב און מקיים זיין מיט זיי הכנסת אורחים, און אויך ביי אים איז עס געווען מיט מסירות נפש.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די געדאנק זעט מען א מורא׳דיגע זאך. מען זעט די גרויסקייט פון די מידת החסד אז אפילו אויב עס איז אמאל באשערט פאר א מענטש א גוטער זאך - דאך וועט ער עס נישט אייביג באקומען, און אז די מידה פון חסד איז די גרעסטע און די בעסטע וועג אנצוקומען צו די זכותים.

אז מען קוקט אריין אין זוה״ק אין די וואכענדיגע פרשה זעט די גרויסקייט פון די מידת החסד און פון צדקה און וויפיל עס העלפט דעם מענטש אויך ווען עס זעט אים אויס אז ער דערלייגט נאר פון די חסד.

דער זוה״ק זאגט אז ווען הקב״ה איז מרחם אויף א מענטש שיקט ער אים אונטער א דורון. וואס איז דער דורון? פרעגט דער זוה״ק. ענטפערט דער זוה״ק, אז דער דורון איז אן עני וועלכע וועט אים מזכה זיין מיט די מצוה פון צדקה.

דורך דעם וואס דער מענטש איז מקיים די מידה פון חסד איז דער איד ממשיך אויף זיך א חוט של חסד און עס ווערט אויף אים א רושם פון חסד, און ווען עס קומט דער צייט אז דער איד דארף אוועקגיין פון די וועלט קומען צוגיין די שלעכטע מלאכים צו אים און ווילן אים צערייסן, אבער ווען זיי זעען די רישומא דקדושה וועלכע ליגט אויף זיין שטערן - לויפן זיי אוועק פון אים און לאזן אים צורוה.

מיט דעם געדאנק גיבט דער זוה״ק צו פארשטיין די געשעעניש מיט לוט, אז ווען הקב״ה האט אים געוואלט מציל זיין האט ער אים געדענקט דורך די מעשה החסד ווייל צדקה איז תציל ממות.

אז מען זעט די גרויסקייט פון די מידת החסד דארף מען זען ווי אזוי מען קען זיך אנקלעבן אין איר און זיך מתדבק זיין אין די מעשי החסד.

עס מאכט זיך אז א מענטש זאגט אז איך קען נישט מקיים זיין די מצוה פון גמילות חסדים. איך האב נישט קיין געלט ביי מיר, איך קען קוים שפייזן מיינע קינדער, ווי אזוי קען איך שפייזן אנדערע? די תשובה איז אז נישט אייביג פעלט זיך אויס אז מען זאל שפייזן א צווייטן מיט געלט - ווייל גמילות חסד איז אויך מיט א גוט ווארט, אז מען ערמוטיגט א צווייטן. און דאס קען יעדער איינער טון.

די נקודה ווערט שוין באטאנט אסאך אין חז״ל, און ווי עס איז דא דער באקאנטער מאמר פון רבי עקיבא אז ואהבת לרעך כמוך איז א כלל גדול בתורה - אז די גאנצע תורה איז נכלל אין דעם.

מיט עטליכע יאר צוריק איז מיר אויסגעקומען צו זיין אנוועזנד ביי די לויה פון דעם גרויסן צדיק דער מירער ראש הישיבה רבי נתן צבי פינקל זצ״ל. ביי די לויה האט זיין זון גערעדט און דערציילט אז אין די לעצטע יארן איז זיין טאטע געווען זייער שוואך, ער האט קוים געהאט כח צו רעדן.

האט זיך געמאכט אז אמאל האט מען אים גערופן צו א גרויסע כינוס וועגן לשון הרע. צוליב זיין חולשה האט ער נישט געקענט רעדן, אבער וועלענדיג ער זאל זאגן א ווארט האט ער זיך געגעבן א רוף אן איין ווארט, זאגנדיג, ווי אזוי קען מען רעדן קעגן א צווייטן איד - עס שטייט דאך אין די תוה״ק ואהבת לרעך כמוך?

עס איז געווען געציילטע ווערטער, אבער די ווערטער האבן אריינגענומען אין זיך זייער אסאך און באיינדרוקט די פארזאמלטע ארויסגעבנדיג דער בליק פון אן ערליכער איד איבער לשון הרע.

מיר האבן גערעדט וועגן דער כח וואס חסד האט אויף זיך, אבער מען דארף וויסן אז די כח וואס זי האט איז סיי אויף גשמיות און אויך אויף רוחניות׳דיגע קנינים.

איך האב אמאל געהערט פון דער צדיק רבי בנימין ראבינאוויטש זצ״ל א שיינער געדאנק בעניני החסד. ער האט מדייק געווען אז די משנה אין אבות רעכענט אויס אכט און פערציג קנינים ווי אזוי מען איז קונה די קנין התורה. ווען מען זאל מדייק זיין די קנינים וועט מען זען אז קיין איין קנין האט נישט קיין שייכות מיט הבנת התורה - עס רעדט ארום בעניני המידות.

דאס איז א מורא׳דיגער יסוד. מען זעט פון דעם אז די תורה קען מען נאר קונה זיין מיט מידות טובות ווייל דאס איז דער שליסל צו אלע קניני התורה.

זאל מען זוכה זיין צו די מידה פון חסד און ממשיך זיין די גוטע השפעות וואס זי ברענגט סיי ברוחניות און סיי בגשמיות פאר יעדער איד אין יעדן מצב, און אז דורך די זכות פון חסד קומט מען אן צו די מידה פון ׳ואהבת לרעך כמוך׳ און דאס איז מקרב די גאולה השלימה - אויף וועלכע מיר ווארטן שוין אזוי לאנג.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## א גוטער שליח פון הימל

זוכנדיג א גוטער פרנסה אריינצוברענגען געלט אין שטוב האב איך אנגעהויבן שטודירן צו ווערן א דיזיינער [עיצוב-פנים] פאר אידישע שטיבער. א לענגערע צייט האב איך זיך עס געלערנט און אריינגעלייגט אין די ארבעט ממון ודמים טראכטנדיג אז בקרוב ממש וועל איך ארויסנעמען דאס געלט פון דעם - דורך די איינקונפטן וואס איך וועל פארדינען ביי די ארבעט.

איך האב זיך איינגערעדט אז מען דארף זיך נאר לערנען און אז איינמאל אז מען איז א געלערנטער קומט די ארבעט צוגיין.

עס איז אריבער א האלבע יאר, און איך האב נישט געטראפן קיין ארבעט. איך האב פרובירט צו מפרסם זיין אז איך זוך ארבעט אבער איך האב גארנישט געטראפן. איך האב אנגעהויבן ווערן איבערגעצייגט אז מעגליך האב איך זיך נישט צוגעפאסט די ריכטיגע ארבעט וואס כ׳זוך, און איך האב באשלאסן אז איך וועל שטודירן מער אין דעם פאך און אזוי ארום וועל איך מעגליך פארדינען מער.

איך האב זיך פארבינדן מיט א נאנטע חבר׳טע וואס טוט אין דעם געביט זיך דורכצושמועסן מיט איר וואס מען קען טון אין דעם הינזיכט. זי האט אויסגעהערט מיין געשעעניש און דערציילט אז זי קען נישט נאכקומען די ארבעט וואס מען באשטעלט.

״אפשר וועל איך ארבעטן מיט דיר צוזאמען״?

זי האט זיך ארויפגעכאפט אויף די הצעה און נאך ביז היינט ארבעטן אונז אינאיינעם. די מעשה האט מיר באצויבערט, זעענדיג אז דווקא ווען איך האב געוואלט זיך ווענדן צו איר פאר אן ארבעט האט זי גערעדט פון איר איבערפלוס פון ארבעט און עס איז געבוירן געווארן א פארבינדונג פון די ארבעט אז איך זאל האבן ארבעט בשפע רב און פארדינען שיין ביי איר.

[דערציילט דורך די בעלת המעשה: א.ל.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

אין איינס פון די ווייטע שטעט אין אמעריקע, איז געעפנט געווארן א ספעציעלן **'תלמוד תורה'** על טהרת הקודש. אין יענעם שטילן שטעטל איז געווען א שיינע קהילה וועלכע האט פארמאגט עטליכע צענדליגער חשוב'ע משפחות פון תלמידי חכמים און יראי שמים. דער חשוב'ער מנהל פונעם תלמוד תורה וועלכער איז געווען איינער פון די עסקנים פון די קהילה, און איז געווען זייער א פלייסיגער מענטש און געהאט זייער ספעציעלע כשרונות, האט פראבירט צו ברענגען נאך און נאך גוטע קינדער פונעם ארט, אז זיי זאלן אויך קומען לערנען אינעם חֵדֶר.

אזוי פלעג דער מנהל מאכן אפטע באזוכן אין די הייזער פון די אידן פונעם שטעטל, וועלכע האבן זיך ליידער דערווייטערט פון תורה ומצוות. איינמאל איז ער אנגעקומען צום הויז פון א איד וועלכער איז שוין פון יונגווייז אן געווען זייער ווייט פון אידישקייט, און ווי עס זעט אויס האט אויך זיין טאטע אים נישט געשאנקען קיין אידישן חינוך, אזוי אז אויסערדעם וואס ער איז א 'איד' [און א איד עסט נאר כשר... ווי איר וועט באלד ליינען בעזרת ה'] האט ער געוואוסט כמעט גארנישט!

# לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת בָּנָיו וְאֶת בֵּיתוֹ אַחֲרָיו

**"כִּי יְדַעְתִּיו, לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת בָּנָיו וְאֶת בֵּיתוֹ אַחֲרָיו, וְשָׁמְרוּ דֶּרֶךְ ה', לַעֲשׂוֹת צְדָקָה וּמִשְׁפָּט"**
**בראשית יח, יט**

דער בעל הבית האט שיין און העפליך אויפגענומען דעם מנהל, אבער ווען ער האט געהערט די סיבה פארוואס ער איז געקומען, האט ער דאס אפגעשטופט מיטביידע הענט, ערקלערנדיג: עס איז נישטא קיין סיבה אז מיינע קינדער זאלן באקומען אן אנדער חינוך ווי דאס וואס איך האב אליין באקומען! דאס וואס איז געווען גוט פאר מיר, איז גוט אויך פאר מיינע קינדער!

אבער טראץ זיין שטארקע אומווילן צו שיקן זיינע קינדער צום תלמוד תורה, האט ער צוגעגעבן אז ער וועט בלייבן נאנט צו די חשוב'ע מוסדות התורה אין שטאט, און ער האט אויך געגעבן זייער א שיינע שטיצע פארן תלמוד תורה.




דורכאויס דעם באזוך, האט דער בעל הבית געוואלט מכבד זיין דעם מנהל א הייסע 'גלעזל טיי', ווי עס איז אנגענומען ביי די אמעריקאנע נגידים, מכבד צו זיין זייערע געסט מיט א גלעזל ווארימס!

דער מנהל האט אבער איידעלערהייט אפגעזאגט דעם כיבוד, צוליב דער חשש איבער כשרות אין אזא פרייע הויז. דער בעל הבית האט אבער גלייך פארשטאנען איבער וואס זיין גאסט איז באזארגט, און ער האט זיך אנגערופן

ווי פאלגנד: אלס דער הכשר, קענסטו זיין רואיג און פארזיכערט! וויבאלד אויף איין מצוה זענען מיר מקפיד און מיר געבן אכטונג מיטן גאנצן כח! און דאס איז די מצוה פון **'כַּשְׁרוּת'**, וועלכע ווערט אפגעהיטן ביי אונז אינדערהיים **'למהדרין מן המהדרין'**! דא קויפט מען נישט קיין שום זאך וואס טראגט נישט איינס פון די בעסטע הכשרים, אויך געבן מיר אלעמאל אכטונג אז פליישיגס און מילכיגס זאל זיין גענצליך אפגעטיילט! יעדן יאר ערב פסח קומט דא א חשוב'ער רב א תלמיד חכם צו כשר'ן דעם קאך צום היילגן יו"ט, און דעריבער קענט איר זיך דא רואיג פארלאזן אויף כשרות!

דער מנהל איז זייער פארוואונדערט געווארן – וויאזוי קומט כשרות צו אזא פרייע הויז?

האט דער איד אים דערציילט אז יונגערהייט איז ער געגאנגען דינען אין די אמעריקאנער מיליטער, און אין די צייטן פון די צווייטע מלחמה איז ער געשיקט געווארן צו באפרייען פוילן פון די פארשאלטענע הענט פון די נאציס ימח שמם... – איך האב גארנישט געוואוסט איבער אידישקייט, אבער א **ווארים אידיש הארץ** האט געקלאפט אין מיר, און דעריבער האב איך געוואלט ראטעווען ווי מער אידן, און דעריבער האב איך זיך אנגעשלאסן אין די גרופע וועלכע האבן באפרייט די לאגערן. מיר זענען אריבערגעגאנגען פון איין לאגער צום אנדערן, מיט פילע פעקלעך **טשאקאלאד**... און וואו אימער מיר זענען אנגעקומען האבן די פארוואיטאגטע אידן זיך געפריידט מיט אונזער אָנקום.

אין איינס פון די לאגערן, בין איך ערשטוינט געווארן צו אנטפלעקן פלוצלונג אן איינגעדארטער איד וואס ליגט אויף די ערד, שטארק אפגעשוואכט, זייענדיג ממש אויפן שוועל פון גסיסה, רחמנא ליצלן! איך האב זיך גלייך געאיילט אים צו דערלאנגען פון די טשאקאלאד וואס איך האב געהאט ביי מיר, איך האב פראבירט עס אריינצולייגן אין זיין מויל צו שטארקן זיינע כוחות, אבער דער איד האט נישט געלאזט. ער האט שטארק פארמאכט זיין מויל, און מיט זיינע לעצטע כוחות האט ער געזאגט: **"נאר כשר"**!

זייענדיג אזוי ווייט פון אידישקייט, האב איך נישט געוואוסט און נישט פארשטאנען וואס עס מיינט 'כשר', און איך האב נאכאמאל פראבירט אריינלייגן די טשאקאלאד אין זיין מויל, כדי צו

הפשך אין עמוד ד' >

ראטעווען זיין לעבן, אבער ער האט נאכאמאל זיך ענטזאגט עס צו אריינצונעמען, און האט זיך ווייטער געגומען מורמלען שטילערהייט. איך האב צוגעבויגן מיין אויער צו זיין מויל, און איך האב ווייטער געהערט ווי ער מורמלט די צוויי ווערטער: **"נאר כשר"**! און אזוי ווי איך בין דארט געשטאנען נעבן אים, פראבירנדיג אויפצוכאפן מיט וואס איך קען אים העלפן, האט דער איד אויסגעהויכט זיין נשמה, און איז נסתלק געווארן צום עוֹלָם שֶׁכֻּלּוֹ טוֹב.

א טרייסל האט מיר אנגעכאפט, איך האב געציטערט מיט אלע מיינע גלידער, אז איך האב נישט געקענט ראטעווען דעם לעבן פונעם איד, צוליב דאס אומפארשטענדעניש צווישן אונז. איך האב דעריבער באשלאסן אז ווען איך וועל צוריקקומען קיין אמעריקע, וועל איך גלייך אויסגעפינען וואס עס מיינט אט די מאדנעווארט "כשר". ווייל אויב א איד בעט זיך אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן אביסל 'כשר', איז דאס אוודאי זייער א חשוב'ער און געהויבענער זאך!

און ווירקליך, ווען איך בין צוריקגעקומען קיין אמעריקע נאך די מלחמה, האט מיר דער ארטיגער רב ערקלערט איבער דעם חיוב פון כשרות, וואס יעדער איד איז מחויב אכטונג צו געבן דערויף, און וואס דערויף האט דער איד ביי די וועלט-מלחמה זיך מוסר נפש געווען. און פון דעמאלטס און ווייטער, האב איך אויף קיין פאל נישט געקענט אריינגעמען אין מיין מויל קיין שום עסנווארג וואס איז נישט כשר! און דערפאר געבן אונז זייער אכטונג אויף די הלכות פון כשרות, און מיר זענען מקפיד דערויף מיטן גאנצן הארץ – האט דער איד אויסגעפירט זיין וואונדערליכן דערציילונג.

הערנדיג דעם וואונדערליכן דערציילונג האט זיך דער מנהל צושמייכלט, און געפרעגט דעם בעל הבית: אויב אזוי, ווּאלטסטו אוודאי געוואלט אז אויך דיינע קינדער און ווייטערדיגע דורות זאלן ווייטער אנהאלטן מיטן זעלבן הקפדה אויף כשרות, אזוי ווי איך האב דאך שוין געזען אז דו ביסט שטארק אינטערעסירט – פונקט ווי יעדער טאטע – אז דיינע קינדער זאלן ווייטער פאָרזעצן פונקטליך אויפן זעלבן וועג וואס דו אליין פירסט דיך. דער זאך איז אבער, אז וויבאלד זיי האבן נישט געזען דעם פארכטיגן מחזה פון מסירות נפש אויף כשרות ביי די וועלט-מלחמה, און זיי האבן עס נאר געהערט פון דיר אלס א פירונג פון די משפחה, וועלן זיי אוודאי נישט אנהאלטן דערמיט פאר לאנגע יארן... דעריבער איז די עצה איינציגסטע עצה, אויב ווילסטו אז זיי זאלן ווייטער אנהאלטן דערמיט לאורך ימים ושנים... און אויך ביי די קומענדיגע דורות, אז דו זאלסט אריינלייגן דיינע קינדער אין די מוסדות התורה וועלכע פירן זיך אויפן ערליכן אידישן וועג! דארט וועלן זיי באקומען א ריכטיגע אידישע הייליגע חינוך, ווי זיי וועלן אויך נתחנך ווערן געהעריג אפצוהיטן די גדרי הכשרות אזוי ווי עס דארף צו זיין!

צום גרויסן וואונדער, האט ער אנגענומען די ווערטער, און ער האט אריבערגעפירט זיינע קינדער צו די ערליכע מוסדות אין שטאט, און מיט די צייט האט ער זוכה געווען אז אלע זיינע קינדער זענען אויסגעוואקסן תלמידי חכמים יראים ושלמים לתפארת, אין זכות פון דעם וואס ער האט אכטונג געגעבן מיט אלע כוחות אויפן חומת הכשרות!

און אזוי איז אויסגעקומען, אז דער פוילישער איד וואס מיר ווייסן נישט ווער ער איז געווען, האט אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, איידער ער האט אויסגעהויכט זיין נשמה אין די שרעקליכע לאגער, מחזיר בתשובה געווען דורך זיינע מעשים, א גאנצע משפחה אין כלל ישראל, פאר אייביגע דורות, אין זכות וואס ער האט זיך מוסר נפש געווען אויף כשרות!

->•<-




◆ מוקד הזמנות ספרים ◆
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד
והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173